ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## פקודי

**(חלק טז — שיחה ב)**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

שנת המאה ועשרים להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע


מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת פקודי, כו אדר א — ב׳ אדר ב, ה׳תשפ״ב (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by

Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# פקודי ב

א. אויף „אלה פקודי המשכן משכן העדות וגו'" זאָגן חז"ל[1], אַז דאָס וואָס עס שטייט „משכן משכן שני פעמים" איז מרמז אויפן „מקדש שנתמשכן בשני חורבנין"[2] — פון בית ראשון און פון בית שני.

איז אין דעם ניט מובן (ווי עס פרעגן מפרשים[3]): נאָר איינער פון די צוויי מאָל „משכן משכן" איז מיותר (וואָרום איין מאָל „משכן" דאַרף דאָך שטיין „לגופי'") — היינט ווי קען מען דרש'נען, אַז „משכן משכן שני פעמים" זיינען מרמז אויף צוויי („חורבנין" פון ביידע) מקדשות?

איז דערפון גופא געדרונגען, אַז דער לימוד הנ"ל פון „משכן משכן" איז (ניט אַ דרש מיתורא דקרא, נאָר) אַ רמז (בל' רש"י) אין דעם כפל פון „משכן" — „שנתמשכן"; ד. ה. אַז מתאים לפירוש הפשוט פון „המשכן משכן" רעדן דער פסוק וועגן דעם משכן, נאָר דערביי איז דער לשון „משכן" מרמז אויף דעם ענין פון „משכון" — „משכן משכן שני פעמים" ווייזט אויף דעם „משכון" פון צוויי מקדשות[4].

ב. דער ספורנו[5] איז מסביר, אַז דער פסוק „אלה פקודי המשכן וגו'" ברענגט אַרויס דעם גודל המעלה פון די חלקי וכלי המשכן, וואָס צוליב דעם איז „לא נפסדו" (ווי חז"ל[6] זאָגן „שמא תאמר אבד כו' ת"ל[7] עצי שטים עומדים שעומדים לעד ולעולמי עולמים"), און נאָכמער — „לא נפל דבר להם ביד האויבים".

און דער פסוק איז מפרט די פרטי המעלות „שבשבילם הי' ראוי להיות נצחי ושלא ליפול ביד אויבים" — „משכן העדות אשר פוקד על פי משה עבודת הלוים ביד איתמר גו' ובצלאל גו'", וואָס צוליב די אַלע מעלות „שרתה שכינה במעשה ידיהם ולא נפל ביד אויבים".

משא"כ ביים מקדש ראשון, וואו ס'זיינען ניט געווען אַלע די מעלות, איז „אע"פ ששרתה בו שכינה נפסדו חלקיו וכו', ונפל בסוף הכל ביד אויבים"; און אַזוי אויך (און נאָכמער) ביים מקדש שני — „לא הי' בו גם א' מכל אלה התנאים לא שרתה בו שכינה ונפל ביד אויבים".

[וי"ל, אַז דער מקור אויף דעם (עכ"פ — צו כללות הפירוש) איז פון דעם מאמר חז"ל אין גמרא[8] אַז „לא שלטו שונאיהם" במעשי ידי משה[9], און דער־

1) תנחומא פרשתנו ב. שמו"ר פנ"א, ג. פרש"י עה"פ.

2) לשון רש"י.

3) משכיל לדוד ושפ"ח לפרש"י כאן.

4) ראה גם לקו"ת חי"א ע' 176 הערה 5.

5) ריש פרשתנו.

6) יומא עב, סע"א. סוכה מה, ב. הובא בספורנו שם.

7) תרומה כו, טו. וראה בחיי עה"פ.

8) סוטה ט, סע"א. וראה צפע"נ (להרגוצובי) עה"ת ר"פ תרומה. וראה שע"ת (לאדמהאמ"צ) ח"ב חינוך בתחלתו. אוה"ת ואתחנן ע' סה. צב. צג ואילך.

9) בסוטה שם ד„משה ודוד שלא שלטו כו' דוד דכתיב (איכה ב, ט) טבעו בארץ שערי'". אבל אין מזה סתירה להמבואר בפנים — כי: א) לפרש"י סוטה שם קאי על שערי ציון. ב) ועיקר: גם להפירוש שקאי על שערי ביהמ"ק — ה"ז רק השערים (ולא שאר חלקי וכלי המקדש) שרק הם שייכים לדוד — ראה פרש"י איכה שם („מעשי ידי דוד היו"). עיון יעקב לע"י סוטה שם. ובחדא"ג

פאַר איז „משנבנה מקדש ראשון נגנז אהל מועד קרשיו קרסיו בריחיו ועמודיו ואדניו" (און זיינען ניט אַריינגעפאַלן ביד האויבים); און אויף דעם איז מיוסד דער פירוש אַז „אשר פוקד על פי משה" איז אַ טעם אויף דער נצחיות כו' פון די חלקי וכלי המשכן].

ג. אָט די מעלה אין משכן לגבי די מקדשות איז מצד דעם פשט המקרא — ד. ה. ווי דער ענין איז בפשטות ובגלוי, איז דוקא דער משכן (זייענדיק מעשי ידי משה, „אשר פוקד על פי משה") אַ נצחי, משא"כ די מקדשות וואָס נפלו „ביד אויבים" און זיינען חרוב געוואָרן.

אָבער מצד דעם רמז וואָס איז אין פסוק — ד. ה. ווי דער ענין איז בפנימיות — זיינען אויך די מקדשות נצחיים.

און דערמיט ווערט פאַרענטפערט הת־מי' הגדולה וואָס דער פסוק איז מרמז אויפן חורבן ביהמ"ק מיט'ן וואָרט „משכן" — „שנתמשכן": דער ענין פון אַ משכון איז ניט אַז דער (פאַרמשכון'טער) חפץ ווערט פאַרלאָרן פון זיין בעה"ב, אַז ער גייט אַריבער אינגאַנצן אין רשות פון מלוה, נאָר ער געפינט זיך ביים מלוה צייטווייליק און סוף־סוף ווערט דער זעלבער חפץ (משכון) אומגעקערט צום לווה.

און אַזוי אויך איז בנוגע די מקדשות: דאָס וואָס זיי זיינען חרוב געוואָרן מיינט ניט אַז זייער מציאות איז אינגאַנצן בטל געוואָרן ח"ו, נאָר דאָס איז בלויז אין אַן אופן פון אַ „משכון", אַז סוף־סוף וועט דער מקדש עצמו (הא' וכן הב') אומגע־קערט ווערן צו אידן[10].

ד. די מעלת הנצחיות הנ"ל וואָס איז דאָ אין משכן לגבי די מקדשות איז נאָר בנוגע די חלקי וכלי המשכן. אָבער בנוגע דער קדושת המקום, די השראת השכינה במקום המשכן ומקדש, געפינט מען די מעלת הנצחיות דוקא אין מקדש, ווי דער רמב"ם זאָגט אין הל' בית הבחירה[11]: „וכבר נתפרש בתורה משכן שעשה משה רבינו והי' לפי שעה כו' כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות כולן לבנות בהן בית לה' ולהקריב בהן קרבן[12]. ואין שם בית

---

שם [„ממדרש אגדה" — והוא בתנחומא בהעלותך ט. במדב"ר פט"ו, יג. איכ"ר עה"פ. הובא בפרש"י איכה שם. ועוד] „שחלקו כבוד לארון" (וראה לקמן בפנים ס"י ואילך השייכות דארון לענין ה„נצחיות"), ועיי"ש השייכות לדוד (ע"פ מרז"ל כו'). וראה לקמן בפנים ס"ז. סוס"ט.

10) ראה בכ"ז לקו"ש חי"א שם ע' 177 ואילך.

11) בתחילתו (ה"א־ג').

12) מפשטות לשון הרמב"ם „לבנות בהן בית לה'" משמע, שכוונתו (לא לאיסור הקרבה בבמות, כ"א) שאסור לבנות „בית לה'" אלא בירושלים*. אלא שאח"כ מוסיף ענין שני — „ולהקריב בהן קרבן" [דכתבו „להקריב בהן" (בהמקומות) ולא „בו" (בהבית) מורה שזהו ענין שני — איסור הקרבה (במק"א) בבמות].

ועפ"ז סרה התמי' (וראה הר המורי' לרמב"ם שם) למה הביא הרמב"ם הכתובים (דה"א כב, א. תהלים קלב, יד) „ויאמר דוד זה הוא בית ה' האלקים וזה מזבח לעולה לישראל ואומר זאת מנוחתי עדי עד", ולא הכתוב (ראה יב, ט) „כי לא

*) עייג"כ לשון הרמב"ם הל' ביאת מקדש פ"ט הי"ד (ועד"ז בהל' מעשה הקרבנות פי"ד ה"ז) „מי שעבר ועשה בית חוץ למקדש להקריב בו קרבנות לשם אינו כבית ע"ז כו'" — דבפשטות כוונתו במ"ש ש„**עבר** ועשה בית כו'" היינו (לא להאיסור דהקרבה חוץ למקדש, כ"א) האיסור **דעשיית בית** חוץ למקדש. אבל להעיר מפיה"מ להרמב"ם מנחות (פי"ג מ"י) ד„בית חוניו . . שעבר על מש"נ פן תעלה וכו'" ולא הזכיר דעבר על איסור עשיית בית חוץ למקדש אבל — לא הזכיר ג"כ האיסור דעשיית בית תבנית היכל כו', אף שבית חוניו הי' „**בצורת בית המקדש**" (פיה"מ שם).

**לדורי הדורות[13] אלא בירושלים בלבד**

**ובהר המורי'[14] וכו' (און ברענגט דערויף אויף דעם פסוק[15]) זאת מנוחתי** עדי עד" **— אַז די קדושה אין מקום המשכן איז נאָר געווען „לפי שעה", ובלשון הכתוב[16] „ואהי' מתהלך** באהל **גו'", און אַ** „בית **(להשראת השכינה** בקביעות**) לדורי הדורות" איז נאָר (אַ מקדש) אין ירושלים — ועד"ז אויך אין קו השלילה: נאסרו כל המקומות כולן לבנות כו'.**

**און נאָכמער: ביים בנין מקדש ראשון האָט זיך אויפגעטאָן ניט בלויז אַ מקום קבוע להשראת השכינה, נאָר די השראת השכינה איז דאַן בפועל געוואָרן אין אַן אופן** נצחי, **ווי דער רמב"ם[17] פסק'נט אַז די קדושת המקדש וירושלים „קדושה ראשונה קדשה לעת"ל . . לפי שקדושת המקדש וירושלים מפני השכינה ושכינה אינה בטלה".**

**פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס וואָס ס'האָט זיך גערעדט פריער, אַז בפנימיות (מצד דעם „רמז" שבמקרא) זיינען** אויך **די מקדשות נצחיים ווי דער משכן — איז עס ניט נאָר מצד דעם וואָס די קדושת מקום המקדש „אינה בטלה"**

**— ווייל, אדרבה, אין דעם איז דאָך (מקדש** עיקר,**) פאַראַן אַ יתרון אין מקדש לגבי משכן, כנ"ל —**

**נאָר, אַז** אויך **אין די מקדשות איז דאָ**

---

**באתם גו' אל המנוחה ואל הנחלה" שהובא** בש"ס **(זבחים קיט, א) לענין איסור הקרבה בבמות?**

**כי הפסוק „כי לא באתם גו'" בא בהמשך להקודם: „לא תעשון גו' איש כל הישר בעיניו (וטעם החילוק) כי („**פה**" „**היום**") לא באתם גו'" — היינו האיסור דהקרבת קרבן חוץ ל„מנוחה" „ונחלה",**

**והביא הרמב"ם פסוק שנאמר בו ע"ד** ב' **ענינים הנ"ל: א) איסור דבנין בית לה' חוץ לירושלים — „**זה **הוא בית ה' האלקים". ב) איסור הבמות — „**וזה **מזבח לעולה לישראל"** (ראה פרש"י דה"י שם).**

ומוסיף להסביר **[כדיוקו „ואומר" — ראה ברכות ומכות בסופן (ועוד) „מאי ואומר"] טעם האיסור בזה: „זאת מנוחתי עדי עד" — דמכיון שקדושת המקדש היא באופן ד„עדי עד", וכמ"ש (הל' ביהב"ח פ"ו הט"ז) „קדושת המקדש . . אינה בטלה", לכן „**זאת **מנוחתי" ולא במק"א, שאא"פ לבנות „בית** לה'" **רק בירושלים לבד*** (וראה גם לקו"ש חי"ט ע' 145 הערה 47).**

**ומקורו דהרמב"ם**** י"ל בכמה אופנים, ומהם — במכש"כ וק"ו מפרט א'** דהבנין **דאסור (הקרבה בהבית — ה"ז ג"כ פרט דהבית (שצ"ל „מוכן להיות מקריבין כו'" — רמב"ם ריש הל' ביהב"ח) שבא** בפועל**). ולהעיר ממדרש תהלים ד'.**

13) **צ"ע בדפוסים הקודמים, כי הלשון בכ"מ הוא „דור דורים", אף שנמצא — אבל בנפרד — „קורא הדורות".**

14) **ראה דה"ב ג, א (הובא לקמן רפ"ב דהל' ביהב"ח). תענית טז, א. ובב"ר ס"פ וירא (פנ"ה, ז. פנ"ו, י) עה"פ (וירא כב, ב. שם, יד) ארץ המורי' גו', בהר הוי' יראה.**

15) **תהלים קלב, יד.**

16) **ש"ב ז, ו.**

17) **הל' ביהב"ח פ"ו הי"ד־ט"ז. וראה מו"ק (ט, א. ועד"ז שבועות טז, ב): משכן שאין קדושתו קדושת עולם . . מקדש שקדושתו קדושת עולם.**

---

****)** הטעם שמביא גם תיבת „לישראל" — י"ל עפ"י ש"ס זבחים (קטז, ב) ד„אין העכו"ם מצווין על שחוטי חוץ לפיכך כאו"א בונה לו במה לעצמו ומקריב עלי'", ועיי"ש גם המאורע דאיפרא הורמיז כו' עם רבא — מעשה רב שמורים להם איך לבנות במה (וכפסק הרמב"ם סוף הל' מעה"ק). ולכן מדגיש הרמב"ם שהאיסור הוא רק „(זה מזבח לעולה) **לישראל**".

*****)** ע"ד המבואר בכ"מ (נצו"א לזח"ג קמד, ב. המשך תרס"ו ע' קעח. המשך תער"ב פנ"ו. סה"מ ה'ש"ת ע' 62) דמכיון שלהצלת רב המנונא בא אליהו (מלובש בגוף, ובמילא) עם **העצמיות** שלו אא"פ להיות אז במק"א, שהעצם אא"פ להיות בב' מקומות בב"א (משא"כ לברי"מ — שבא רק ניצוץ שלו).

ועד"ז בעניננו: מכיון ד„**זאת מנוחתי** גו'" — השראת **עצם** השכינה היא בירושלים בהר המורי', במילא אא"פ לבנות „בית **לה'**" במק"א.

******)** ראה גם שקו"ט באוצר הספרי (להגר"מ זעמבא) „קדושת עבר הירדן". ועוד.

**עכ״פ אַ „מעין״ פון דעם ענין הנצחיות וואָס אין חלקי וכלי המשכן**[18]**.**

**ה. קלערער דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען מקדים זיין דאָס וואָס חז״ל**[19] **זאָגן אויפן פסוק**[20] **„כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה״: „מנוחה זו שילה נחלה זו ירושלים״**[21]**.**

**אין פשטות, איז דער טעם פאַרוואָס דוקא ירושלים ווערט אָנגערופן „נחלה״ און שילה בלויז „מנוחה״ — ווייל „נחלה״ ווייזט אויף קביעות מער ווי „מנוחה״ (וואָס איז שייך אויך באופן ארעי). און דערפאַר ווערט ירושלים, וואָס „אין שם בית** לדורי הדורות **אלא בירושלים״, אָנ־גערופן „נחלה״**[22]**.**

**אָבער דאָס איז ניט מספיק — וואָרום לויט איין דיעה**[23] **איז „מנוחה זו ירושלים נחלה זו שילה״, אע״פ וואָס** לכו״ע **האָט ירושלים אין זיך אַ העכערע מעלה ווי שילה.**

**מוז מען זאָגן, אַז אויך אין „מנוחה״ איז דאָ אַ מעלה אויף „נחלה״; ד. ה. אַז „מנוחה״ און „נחלה״ זיינען צוויי באַזונדערע סוגי מעלות, ויש בזו מה שאין בזו**[24]**.**

18) ראה בחיי דלעיל הערה 7. וראה מדבר קדמות (מע' מ' אות מג) שלפי האמת המקדש נבלע בארץ, נגנז, עיי״ש.

19) מגילה י, א. זבחים קיט, א.

20) ראה יב, ט.

21) בזבחים שם (וכן בספרי עה״פ ראה שם) פלוגתא בדבר, וכדלקמן בפנים — אבל כ״ה סתימת הש״ס מגילה שם. סתם משנה זבחים (קיב, ב): „באו לשילה . . והיא היתה מנוחה . . באו לירושלים . . והיא היתה נחלה״. פרש״י עה״ת עה״פ — פשוטו של מקרא.

22) ראה לקו״ש חי״א ע' 177 הערה 15.

23) זבחים שם. ספרי שם.

24) ובפרט — להדיעה (זבחים שם) דשניהם בשילה או בירושלים. וראה אוה״ת ויצא קפו, א. ועוד.

**איז דער ביאור אין דעם: ווי געזאָגט, איז די מעלה פון משכן אין דעם, וואָס די** חלקי וכלי **המשכן זיינען נצחיים, אָבער דער משכן אַלס** מקום **השראת השכינה איז געווען נאָר „לפי שעה״, „אוהל״. דאַקעגן ביים מקדש, איז להיפך: אין** מקום **המקדש איז דאָ אַ קדושה נצחית — „אינה בטלה״, אָבער דער עצם הבנין וחלקיו „נפסדו״ און זיינען אַריינגעפאַלן בידי האויבים.**

**און די צוויי פאַרשידענע מעלות זיי־נען מרומז אין די צוויי תוארים „מנוחה״ און „נחלה״, וואָס דער חילוק** בפשטות **צווישן זיי איז:**

**„מנוחה״ איז מתאר דעם מצב פון נפש האדם (גברא) — ער איז ניט אין אַ מצב פון טלטול ממקום למקום. און אין דעם גייט אויך אַריין דער „מצב״ פון די כלי האדם וואָס ווערן מיטלטל צוזאַמען מיט אים, ווי מיר זען בחוש, אַז די כלי האדם ווירקן אויף דעם דעת האדם**[25] **און זיינען נענטער צו אים, מער ווי זיין דירה**[*25]**; דאַקעגן „נחלה״ איז מתאר די תכונה פון דער** עצם זאַך **(חפצא) — די קרקע וכיו״ב.**

**און דערמיט איז מובן וואָס משכן שילה — וועלכער איז בחלקו באַשטאַנען פונעם „משכן שעשה משה״, ווי דער רמב״ם**[26] **זאָגט „ובנו שם בית כו' ופרשו יריעות** המשכן **עליו״ — איז מעלתו „מנוחה״: די נצחיות אין אים איז געווען אין די** חלקי וכלי **המשכן — זאַכן וואָס ווערן מיטלטל מיטן מענטשן;**

25) ברכות נז, ב.

*25) להעיר מהחילוק בין (שימוש ב)כליו של מלך — משא״כ בארמון המלך. ויש עוד דוגמאות בהלכה.

ובתורת החסידות להעיר מענין דלבוש (לכבוד ולתפארת) ובית — מקיף הקרוב ומקיף הרחוק.

26) הל' ביהב״ח פ״א ה״ב.

און דעריבער, ווען עס איז געקומען לידי „קביעות" אין שילה[27] ווערט עס אָנגערופן „מנוחה", וואָס איז מתאר, כנ"ל, דעם מצב פון נפש האדם.

משא"כ דער מקדש, וואָס מעלתו איז (ניט אין די חלקי וכלי המקדש, נאָר) אין מקום המקדש, ווערט אָנגערופן בהתאם לזה — „נחלה", וואָס באַצייכנט די תכונת המקום, כנ"ל.

ו. די הסברה אין די חילוקים הנ"ל צווישן משכן און מקדש:

דער ענין פון נצחיות קען זיך ניט אויפטאָן דורך מעשה בני אדם — נבראים, מוגבלים; דאָס איז שייך נאָר ביי מעשה ידיו של הקב"ה.

און דעריבער זיינען די חלקי המקדש עצמם ניט קיין נצחיים, וואָרום זיי זיינען (בלשון הזהר[28]) „בניינא דבר נש". משא"כ דאָס וואָס דער מקום המקדש האָט אַ קדושה נצחית, איז דאָס ניט אַן ענין וואָס בני אדם טוען אויף, נאָר דאָס איז דער „מקום אשר יבחר ה"א בו לשכן שמו שם"[29]; ובלשון הרמב"ם[30]: „קדושת המקדש כו' מפני השכינה ושכינה אינה בטלה".

27) משא"כ לפנ"ז במדבר כו'.

28) זח"ג רכא, א. ועד"ז שם ח"א כח, א.

29) ראה יב, יא. ספרי ופרש"י שם*. וכמש"נ (תהלים שם, יג— יד) „בחר ה' בציון גו' פה אשב גו'". וראה פיה"מ להרמב"ם זבחים קיב, ב („באו לירושלים כו'"). ועוד. וראה בארוכה לקו"ש חי"ט ע' 140 ואילך (ושם ע' 145).

30) נסמן לעיל הערה 17.

*) אלא שבכללות מתאים לשון זה גם על משכן שילה וכמש"נ (ראה שם, ה. רש"י שם. ספרי ורש"י שבפנים ההערה) „המקום אשר יבחר ה"א גו' לשום את שמו שם" ובספרי תבוא (כו, ב): „המקום אשר יבחר ה"א בו זה שילה ובית עולמים" וראה בארוכה ביאור הרי"פ פהרלא לסהמ"צ רס"ג מ"ע פד־פה. לקו"ש חכ"ד ס"ע 79 ואילך.

ד. ה. ניט דער בנין המקדש האָט אויפגעטאָן די נצחיות השראת השכינה אין מקדש — דאָס איז בלויז געווען אַ הכנה אַז דער מקום זאָל זיין מוכשר צו אַזאַ השראה (און אַז זי זאָל זיין באופן גלוי), אָבער די השראה גופא איז געקומען מצד בחירת הקב"ה אין דעם מקום, וואָס דעריבער איז עס אַן ענין נצחי.

ביים משכן, אָבער, איז פאַרקערט: די השראת השכינה איז ניט געקומען מצד בחירת הקב"ה אין מקום המשכן „לשכן שמו שם", נאָר די עשיית המשכן איז געווען די סיבה אויף דעם — „ועשו לי מקדש (און דורכדעם) ושכנתי בתוכם"[31] (און ווען עס ווערט בטל במקום זה די סיבה, דער אויפגעשטעלטער משכן — דער „ועשו לי מקדש", ווערט בטל דער מסובב — דער „ושכנתי" אין דעם אָרט).

משא"כ די חלקי וכלי המשכן, זייענדיק מעשי ידי משה — וואָס משה איז עבד ה', עבד נאמן[32], וואָס די גאַנצע מציאות פון אַן עבד איז די מציאות האדון[33]; ובפרט לויטן פירוש[34] אין „מה שקנה עבד קנה רבו"[35], אַז עס מיינט (ניט אַז דער עבד איז קונה פאַר זיך און דורך אים ווערט עס נקנה לרבו, נאָר) אַז מלכתחילה איז „קונה רבו" —

איז אַזוי ווי מעשי ידיו של הקב"ה זיינען נצחיים, אַזוי זיינען אויך די מעשי ידי משה, עבד ה'.

31) תרומה כה, ח.

32) כמש"נ (בהעלותך יב, ז) „בכל ביתי נאמן הוא". ראה בארוכה המשך תרס"ו ע' שיז ואילך.

33) ראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 233 ואילך. ח"ט ע' 323־4. ועייג"כ המשך הנ"ל ע' שכו־ז. ועוד. וראה בעניננו פרש"י בהעלותך (שם, ח): ועבד מלך מלך.

34) רשב"א קדושין כג, ב.

35) פסחים פח, ב. קדושין שם.

ז. וי"ל, אַז דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס די השראת השכינה אין מקדש איז געקומען בזכות פון דוד המלך, ווי חז"ל[36] זאָגן, אַז דוקא נאָכדעם ווי שלמה האָט מתפלל געווען צום אויבערשטן „ה' אלקים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דויד עבדך"[37] האָט ער געקענט אַריינ־ברענגען דעם ארון אין בית קדשי הקד־שים „ושרתה השכינה בבית"[38] —

וואָרום וויבאַלד אַז עס האָט זיך גע־דאַרפט דאַן אויפטאָן די השראת השכינה אין אַן אופן נצחי, האָט אויך די הכנה מצד „בני אדם" געדאַרפט זיין פאַרבונדן מיט אַזאַ וואָס איז דוגמת משה רבינו וואָס מעשי ידיו זיינען קיימים לעולם.

און דערפאַר איז דאָס געקומען בזכות דוד, וואָס ענינו איז — עבד ה'[39] (וואָס דערפאַר האָט שלמה מדגיש געווען אין דער תפלה הנ"ל „דויד עבדך");

און מצד דעם זיינען מעשי ידיו נצ־חיים און לא שלטו בהם אויבים (ווי ביי משה), כמבואר אין גמרא[40].

ח. עפ"י דעם ביאור הנ"ל במעלת התואר „מנוחה", קען מען אויך מבאר זיין וואָס מיר געפינען דעם לשון „מנוחה" אויך בנוגע צו ירושלים, ווי עס שטייט[41] „בחר ה' בציון גו' זאת מנוחתי עדי עד" — דלכאורה: וויבאַלד אַז „ונחלה זו ירושלים" (און „מנוחה זו שילה") האָט געדאַרפט שטיין „זאת נחל־תי עדי עד"? —

ווייל אין דעם מקדש השלישי וועלן זיין ביידע מעלות — סיי „נחלה" סיי „מנוחה": זיין נצחיות איז ניט נאָר אין מקום המקדש (ווי אין מקדש ראשון ושני), נאָר אויך דער בנין עצמו (ענין ה„מנוחה" כנ"ל) וועט האָבן אַ קיום נצחי, וויבאַלד דער אויבערשטער אַליין וועט עס בויען, וכמש"נ[42] „מקדש אדנ־י כוננו ידיך"; ווי עס שטייט אין זהר[43] אַז דער מקדש שלישי וועט געבויט ווערן „על ידא דקב"ה (און דעריבער) יהא קיימא לדרי דרין".

ט. לכאורה קען מען אויף דעם פרעגן: דער פירוש הפשוט פון פסוק „זאת מנוחתי עדי עד" רעדט ניט (נאָר) וועגן דעם זמן פון מקדש שלישי, נאָר וועגן דעם מקדש ראשון[44]; און נאָכמער: דער רמב"ם ברענגט דעם פסוק אַלס טעם אויפן דין „כיון שנבנה המקדש בירושלים נאסרו כל המקומות וכו'" — היינט ווי רופט מען עס דעמאָלט „זאת מנוחתי גו'"?

איז דער ביאור אין דעם: די גמרא זאָגט אין עירובין[45] — לגבי די חניות

36) שבת ל, א. סנהדרין קז, ב. מדרש תהלים מזמור כד. במדב"ר פי"ד, ג. ועוד.

37) דה"ב ו, מב.

38) ל' המדרש — במדב"ר שם.

39) עייג"כ המשך הנ"ל ע' שיג.

40) נסמן לעיל הערה 8. וראה פס"ר פ"ב, ו. מדרש תהלים מזמור סב בסופו. יל"ש ש"ב רמז קמה. הובא באוה"ת ואתחנן ע' סה. צב.

41) תהלים שם. וכראיית ר"ש (זבחים וספרי דלעיל הערה 23) ד„מנוחה זו ירושלים". וראה אוה"ת שצויין לעיל הערה 24.

42) בשלח טו, יז. מכילתא ופרש"י שם. וראה תנחומא סוף פרשתנו. רש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. ועוד.

ואף שברמב"ם (הל' מלכים רפי"א ובסופו) דמשיח בונה המקדש — כבר נת' כמה פעמים התיווך בזה (ראה לקו"ש חי"א ע' 98 הערה 61. וש"נ. לקו"ש חי"ג ע' 84 הערה 36 (ובההתועדות (דער"ח מנ"א תשל"ו) נת' בארוכה עוד כמה פרטים בהנ"ל). לקו"ש חי"ח ע' 418 ואילך).

43) זח"א דלעיל הערה 28. וראה זח"ג שם.

44) ראה ג"כ זח"ב רמא, א.

45) נה, ב. וראה ג"כ שבת לא, ב.

פון בנ״י אין מדבר: „כיון דכתיב[46] בהו על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו כמאן דקביע להו דמי״. ד. ה. הגם אַז „ישראל במדבר יושבי אוהלים היו שאינן קבועין״[47], וויבאַלד אָבער אַז זייער חני׳ (באוהל) איז געווען „על פי ה׳״, איז „כמאן דקביע להו דמי״: די חני׳ אַליין (דער אהל) ווערט (בזמן החני׳) אַן ענין פון „קבע״.

און עד״ז איז אויך בענייננו: וויבאַלד אַז „על פי ה׳״ ווערט דער מקדש אָנגעָרופן „בית״[48] (וואָרום ביז דעם מקדש — „ואהי׳ מתהלך באוהל גו׳״[49]) — איז „כמאן דקביע להו דמי״, אַז אויך דער מקדש בעצמו איז ניט „לפי שעה״, נאָר האָט אין זיך (כעין) ענין המנוחה — נצחיות — „נידונת קבע״[50].

און דערפאַר פאַסט דער תואר „מנוחה״ אויך בשייכות צום מקדש ראשון (ושני) — וואָרום הגם אַז די שלימות ענין המנוחה (אַזוי ווי אין די חלקי וכלי המשכן) וועט ערשט זיין במקדש שלישי, איז אָבער אַ מעין דערפון אויך דאָ אין מקדש ראשון ושני, וויבאַלד אַז „על פי ה׳״ ווערן זיי אָנגערופן (ניט „אהל״, נאָר) — „בית״.

[וי״ל, אַז דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס די הכנות צום בנין בית המקדש זיינען געטאָן געוואָרן דורך דוד׳ן, ווי דערציילט אין נ״ך[51] — ווייל מעשי ידיו זיינען נצחיים (כנ״ל ס״ז) און מצד דעם איז אויך אין גוף בית המקדש געווען אַ מעין פון ענין הנצחיות כנ״ל.

נאָר פונדעסטוועגן איז „נפל בסוף הכל ביד אויבים״, וויבאַלד אַז דער בנין בפועל איז געווען דורך שלמה און נאָר די הכנה איז געווען ע״י דוד[52]].

יו״ד. ס׳איז פריער (ס״ב) געבראַכט געוואָרן דאָס וואָס שטייט אין ספורנו, אַז איינע פון די מעלות אין משכן „שבש־בילם הי׳ ראוי להיות נצחי וכו׳״ איז דאָס וואָס ער איז „משכן העדות — שהיו בו לוחות העדות״;

איז כשם ווי ס׳איז דאָ אַ צד השווה צווישן משכן און מקדש שלישי אין מעלת הנצחיות (באופן גלוי) פון זייערע חלקים און כלים — אַזוי איז פאַראַן אַ צד השוה צווישן זיי אויך אין דער סיבה פון זייער נצחיות („שבשבילם הי׳ ראוי להיות נצחי וכו׳״), אַז סיי אין משכן (אין מדבר) און סיי אין מקדש שלישי איז דער ארון במקומו דעם גאַנצן משך הזמן פון זייער קיום. משא״כ ביים מקדש שני איז דער ארון מלכתחילה ניט געווען[53], און אויך ביים (סוף זמן פון) מקדש ראשון איז „גנזו יאשיהו״[54].

יא. ווי גערעדט פריער בארוכה, איז אויך אין מקדש ראשון ושני פאַראַן די מעלת הנצחיות, נאָר ביי זיי איז עס בעיקר ובגלוי (ניט בשייכות צו די חלקי המקדש, נאָר) בנוגע דער השראת

46) בהעלותך ט, כ.

47) רש״י עירובין שם ד״ה אלא לאחוריהן.

48) ראה ש״ב ז, ה ואילך.

49) ש״ב שם, ו. וזה ששילה נק׳ „בית״ (משנה זבחים קיב, ב. רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״א ה״ב) הוא רק בערך המשכן, אבל בערך המקדש נק׳ „אהל״ או (עכ״פ) „משכן״ [לפי הפירושים בהכתוב „ואהי׳ מתהלך באהל ובמשכן״ — ראה לקו״ש שנסמן בהערה 22. לעיל ע׳ 304 הערה 42] — ראה ביאור הרי״פ פערלא שנסמן בשוה״ג להערה 29.

50) רש״י עירובין שם ד״ה כיון דכתיב.

51) דה״א כח־כט.

52) ראה פס״ר מדרש תהלים ויל״ש דלעיל הערה 40.

53) יומא כא, ב.

54) דה״ב לה, ג. יומא נב, ב. וש״נ. רמב״ם הל׳ ביהב״ח רפ״ד.

השכינה אין מקום המקדש. ד. ה. ס׳איז ניט ווי די נצחיות וואָס איז אין משכן, וואָס די גשמיות׳דיקע חלקי וכלי המשכן זיינען נצחיים, נאָר ס׳איז די נצחיות פון השראת השכינה, ברוחניות – „שכינה אינה בטלה״.

עפ״ז דאַרף מען זאָגן, אַז דאָס וואָס דער ארון איז מוסיף, טוט אויף די מעלת הנצחיות – איז עס (ניט די נצחיות רוח־נית פון השראת השכינה, נאָר) דווקא די גשמיות׳דיקע נצחיות פון די חלקי וכלי המשכן.

יב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים דעם ענין הארון אין עבודת ה׳:

יעדער איד איז אַ „משכן״ ומקדש לו ית׳, כדברי רז״ל[55] הידועים אויפן פסוק[31] „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״. איז כשם ווי אין מקדש זיינען דאָ „שלשה דיורין״ – „עזרה״ „קודש״ און „קודש הקדשים״[56] (וואָס אין אים איז דער ארון) – אַזוי זיינען אויך פאַראַן די דריי „דיורין״ אין דעם מקדש הפרטי ביי יעדן אידן:

די „עזרה״, וואָס אין איר איז געשטאַ־נען דער מזבח החיצון, איז אין עבודה די בחי׳ פון חיצוניות הלב[57]; „קודש״, וואָס אין אים איז דער מזבח הפנימי – פני־מיות הלב[57]; און „קודש הקדשים״, וואָס אין אים איז דער ארון[58] – פנימית דפני־מית הלב[59] – יחידה[60], וואָס אויף דער בחינה זאָגט מען „בבואה דבבואה לית להו״[60*], און אפילו אויף דרגות שלמטה מזה הרבה זאָגט מען „וגם בשעת החטא היתה באמנה אתו ית׳״[61], אַז זי איז אַלע־מאָל גאַנץ (– נצחי) און ס׳איז ניט שייך אַז עפּעס („אויבים״) זאָל אויף איר שולט זיין און אָנרירן[62].

וי״ל אַז אָט די בחינה איז דער „משה״ שבכל אחד ואחד[63], בדוגמא ווי דער ארון (תורה[64]) איז ענינו של משה, „זכרו תורת משה עבדי״[65].

דערמיט איז מובן וואָס אין די צוויי זמנים – זמן המשכן און זמן דלע״ל – שטייט דער ארון (פנימיות דפנימיות הלב, בחי׳ משה) במקומו ובגלוי: דער דור המדבר איז געווען אַ „דור דעה״[66] – דער גאַנצער דור איז געווען אין דער דרגא פון משה רבינו וואָס ענינו

55) ר״ח שער האהבה פ״ו ד״ה ושני. של״ה שער האותיות אות ל׳ (ועוד).

56) אוה״ת ויקהל ע׳ ב׳קצה. ד״ה והוא עומד תרס״ג פ״ב. ד״ה כי הוא יברך ה׳ש״ת בתחילתו. ולהעיר מרמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״א ה״ה.

57) כידוע דמזה״ח ומזה״פ הם חיצונית ופנימית הלב – תו״ח תרומה תמג, א ואילך. אוה״ת שם ע׳ ב׳ריג. דרמ״צ פו, ב ואילך. ועוד.

58) ראה לעיל ע׳ 198 שהוא דרגא רביעית, עיי״ש. וראה לקמן הערה 60.

59) ראה לקו״ת תצא (לו, א) דגם בפנימית הלב יש פנימית דפנימית.

60) להעיר מהמבואר בכ״מ (תו״ח שם (תמח, א). אוה״ת שם (ע׳ ב׳רט ואילך). דרמ״צ שם) דארון הוא (נגד בד שביריעות) בחי׳ פנימיות הכתר, יחידה. וראה ג״כ לקו״ת נשא (כג, רע״ג) שנשיאת הארון הו״ע והחמישית לפרעה, התגלות עתיק כו׳.

*60) יבמות קכב, א. וש״נ. לקו״ת תצא לז, ג. ובכ״מ.

61) תניא ספכ״ד. וראה מקומות שנסמנו בהערה 60 שהארון הו״ע אהבה מסותרת.

62) דעלי׳ נאמר (זח״ב קיד, א) אע״ג דאזיל הכא והכא דיוקנא אשתאר בך לעולם – סד״ה תקעו עת״ר. עשר תעשר תש״א פ״ה.

63) תניא רפמ״ב. וראה בהעלותך יא, כא. ע״ח של״ב פ״א („בזהר בהעלותך״ וצ״ע). שם של״ח פ״ו. ובכ״מ. וראה לקו״ת פקודי (ה, סע״ד) דניצוץ משה שבכאו״א הו״ע מסנ״פ דאחד בביטול ממש.

64) דאין בארון רק שני (ה)לוחות גו׳ – מ״א ח, ט. דה״ב ה, י.

65) מלאכי ג, כב. שבת פט, א.

66) ראה ויק״ר פ״ט, א. במדב״ר פי״ט, ג. ועוד.

איז דעת עליון (כמבואר אין כתבי האריז"ל[67]); און אויך בביאת המשיח (אי־נעם זמן ווען ס'וועט מקויים ווערן דער „ומל ה"א את לבבך"[68] — אויך די „קליפה הדקה"[69]) וועט נתגלה ווערן די „נקודת פנימיות הלב"[69], בחי' משה.

משא"כ אינעם (סוף) זמן פון מקדש ראשון און (דער גאַנצער זמן פון) מקדש שני, וואָס הגם אַז אויך דעמאָלט איז דער ארון גאַנץ און איז ניט אַריינגע־פאַלן בידי אויבים ח"ו — איז עס אָבער בהעלם, „גנוז יאשיהו".

יג. עפ"י הנ"ל קען מען אויך מסביר זיין, בפנימיות הענינים, וואָס דער רמב"ם[70] איז מדייק אָנצורופן דעם משכן — „מקדש המדבר" (וואָרום, כידוע, איז דער רמב"ם מרמז בספרו כמה ענינים פון קבלה[71] — און עד"ז בעניננו):

אין דעם לשון „מקדש המדבר" איז מרומז די מעלה הנ"ל פון משכן (אַז אין אים איז דער ארון במקומו ובגלוי) — וואָרום פנימית דפנימית הלב איז די בחי' פון „מדבר" שבנשמה, וואָס איז העכער פון בחי' „אדם" שבנשמה — „לא ישב אדם שם"[72] למעליותא, מסנ"פ שלמעלה מטעם ודעת[73].

און דערפאַר געפינט מען אויך ביי משיח'ן די בחי' „מאד", העכער פון „אדם": „הנה ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד"[74] — וואָס „מאד" (הגם אַז „מאד הוא אותיות אדם"[75], איז עס אָבער אין אַ צירוף וואָס) ווייזט אויף „בחי' בלי גבול כלל"[76] — העכער פון צירוף אדם — נאָר מדבר דקדושה, וואָרום דאָס איז דרגת הארון, וואָס דורך משיח'ן וועט עס צוריק געבראַכט ווערן למקומו ובגלוי.

יד. ס'איז ידוע[77], אַז „אדם" ווייזט אויף די דריי בחינות פון מחשבה דיבור ומעשה (א' — מחשבה, ד' — דיבור, מ' — מעשה). און עפ"ז קומט אויס אַז אין דעם צירוף „מאד", העכער פון ציור אדם, איז די התחלה אות מ' — מעשה.

דער ביאור אין דעם: דער ענין המסנ"פ דריקט זיך אויס דוקא אין ענין המעשה, דנעוץ תחילתן בסופן דוקא; וע"ד ווי ס'איז מבואר[78] אין דעם ענין פון „אין ערוך לך בעוה"ז", אַז דוקא אין עוה"ז הגשמי דריקט זיך אויס דער „אין ערוך" שלמעלה — אַזוי איז אויך בנוגע דעם „אין ערוך" פון אַ אידן, אַז דער כח המסנ"פ פון פנימית דפנימית הלב, דער „אין ערוך" שבנשמה, דריקט זיך אויס דוקא אין דעם כח העשי' שלו[79].

---

67) ע"ח שער הכללים פי"א. של"ב שם. שער הפסוקים ר"פ שמות. ובכ"מ.

68) נצבים ל, ו.

69) אגה"ק ס"ד — עיי"ש בארוכה.

70) הל' ביהב"ח פ"א הי"ב.

71) וכבהתחלת ספרו יד החזקה „יסוד היסודות ועמוד החכמות" — ר"ת הוי' (שה"ג להחיד"א מע' רמב"ם — בשם ר' דוד הנגיד, נכדו של הרמב"ם). וראה סה"ש ה'ש"ת ע' 41 ובהערה שם. לקו"ש ח"ג ע' 768 הערה 18.

72) ירמי' ב, ו.

73) ראה לקו"ת במדבר ד, ג ואילך. שה"ש כב, א. כג, סע"ב ואילך. ועוד. ולהעיר מלקו"ת נשא (כג, רע"ג) דנשיאת הארון הו"ע „העלאת בחי' התורה שנק' אדם . . לעצמות אוא"ס בחי' כי לא אדם הוא כו'".

74) ישעי' נב, יג.

75) תו"א מו, ד. ע"פ ב"ר פ"ח, ה (ורש"י לב"ר שם).

76) המשך וככה תרל"ז פ"כ.

77) לקו"ת בהעלותך לא, ג.

78) המשך תער"ב ח"ב ע' א'קנא. א'קנה. סה"מ תשי"א ס"ע 113 ואילך. ס"ע 117 ואילך. ועוד.

79) ע"ד משנ"ת (קונ' ענינה של תורת החסידות סי"ח ואילך) לענין גילוי בחי' יחידה.

און דאָס איז דער קשר צווישן די צוויי ענינים אין משכן און אין מקדש השלישי — (א) **דער** ארון **איז במקומו ובגלוי**, (ב) **די** גשמיות'דיקע **חלקי וכלי המשכן ומקדש זיינען נצחיים** —

**ווייל דער ענין הארון — פנימית דפני־מית הלב — דריקט זיך אויס דוקא אין דעם ענין העשי': די** גשמיות'דיקע **נצחיות פון חלקי וכלי המשכן והמקדש.**

(משיחות ער"ח מנ"א, וט"ו מנ"א, תשל"ו)